צווייטער

# אויסטראליש-יידישער
# אַלמאַנאַך

★

רעדאַקציע-קאָלעגיע:


הערץ בערגנער
פנחס גאָלדהאַר
בונם וואַרשאַווסקי
הערש מינץ



מעלבורן
1942

אַרויסגעגעבן דורך דער יי. נ. ב. „קדימה"

אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק
„קדימה" אין מעלבורן, צו איר
ד ר י י ס י ק - י ע ר י ק ן  י ו ב ל
דעצעמבער 1911 — דעצעמבער 1941

געדרוקט אין 600 עקזעמפּלאַרן

דרוקעריי „יאַרק־פּרעס" (ה. און ל. רובינשטיין),
מעלבורן.
געזעצט און מאַנטירט פון א ב ר ה ם  ז ע ג ע ר

# הקדמה

דער „צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך" איז דאָס פערטע בוך אין יידיש, וואָס דערשיינט אין אויסטראַליע, גענויער: אין מעלבורן.

דאָס ערשטע בוך אין יידיש איז געווען דער (ערשטער) „אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך" (1937) אונטער דער רעדאַקציע פון מלך ראַוויטש; דאָס צווייטע — „דערציילונגען פון אויסטראַליע" (1939) פון פנחס גאָלדהאַר; דאָס דריטע — „דאָס נייע הויז" (1941) פון הערץ בערגנער; דער איצטיקער צווייטער אַלמאַנאַך איז דאָס פערטע.

פיר יידישע ביכער פאַר אַ גאַנצן קאָנטינענט איז נישט מי יודע וואָס; אָבער פיר יידישע ביכער פאַר אַ פינף־זעקס טויזנט יידיש־רעדערס איז שוין פאָרט עפּעס. מיר האַלטן שוין נאָך דער שווערער התחלה און ווייטער וועט גיין גיכער און לייכטער — נאָך דער גוט־פאַרענדיקטער מלחמה. מצוה גוררת מצוה — און אָט לאָזן מיר אייך שוין גריסן פון נאָך אַנדערע צוויי ביכער אין יידיש, וואָס וועלן בקרוב דערשיינען אין מעלבורן.

אין דעצעמבער, 1941, איז געוואָרן דרייסיק יאָר, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן די „קדימה", וועלכע עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג און איז די עלטסטע און גרעסטע און איינפלוסרייכסטע יידיש־וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציע נישט בלויז אין מעלבורן, נאָר אין גאַנץ אויסטראַליע.

כדי אויף אַ געהעריקן אופן צו פאַרצייכענען די דאָזיקע וויכטיקע דאַטע, האָט דער קאָמיטעט פון „קדימה" באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם „צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך". מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע איז מען אויסן אַ טאָפּלטן צוועק: צו געבן אַ געהעריקן אויסדרוק דער פּיאָנערישער אַרבעט אויפן געביט פון